







# ספר חֵלֶב יצה"ר

חלק ט

**אור הזוהר** 453 ★ כסליו תשע"ד

**מפעל הזוהר העולמי**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911



האדמו"ר מהאלמין

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש







**סיגעטער** רב - וואָס זאל איך טוהן? קודם איך ווייס נישט צו ער שרייט נאָך[קכב]. דער רב דערציילט נאָך אַמאָל די מעשה וואָס איז געווען מיט קאַשויער רב ערב יו"כ וז"ל: איך האָב גערעדט מיט קאַשויער רב און איך האָב עם געבעטען קום זאג, איז געבליבען מארגען ערב יו"כ וועט קאַשויער רב קומען, איך האָב אָבער בעסער געוואָלט אויף די נאכט האָב איך אפגערופען אודווארי רב האָב איך עם געבעטען קום אריבער און רוף אף די קאַשויער רב פאַרוואָס וויל ער נישט היינט נאכט, דער אודווארי רב האָט עם אפגערופען, איך בין געווען פארנומען און דער אודווארי רב איז געגאַנגען אין דער אנדערע שטוב, און צוריק געקומען. מיט דעם אודווארי רב האָט ער אפגערעדט אויף דינסטאג נאָך יו"כ[קכג]. עס איז געווען יו"כ האָב איך יו"כ אויסגערופען ביי אונז, איך האָב געמיסט אויסרופען ווייל עס איז געווען יו"כ מ'האָט דאך געפאַסט יו"כ און אויף דער נאכט מוז מען גיין עסען איך דארף דאך עפּעס זאָגען פאר די מענשען, זאלען זיי עסען אָדער זאלען זיי נישט עסען, איך האָב געמיסט עפּעס טוהן, האָב איך געהייסען אויס רופען אז ווער ס'האָט געקויפט ביי אונז אין בוטשער סטאר קען מען עסען, איך האָב געזעהן אז איך מוז עס טוהן, נישט אויסרופען וואָלט עס געהייסען אז איך זאג אז מ'טאָר נישט עסען[קכד].

**אויף** דעם ארויף האָב איך באַקומען דעם בריעף פון קאַשויער רב, און ער שרייבט דער גאַנצע מעשה אז עס איז געבליבען אויף דינסטאג[קכה]. איך קען נישט פארשטיין מ'האָט געהאט אפגערעדט אויף דינסטאג און איך האָב אויסגערופען אז ביי אונז איז כשר[קכו]. דער ווייל האָבען מיר געמאַכט א שטיקעל תיקון אז די קצבים באַקומען גאר נישט די פלייש ווי עס איז דאָ חֵלֶב[קכז].

**טארטיקאווער** רב - אויב מ'טיעט נישט א זאַך שוין איז גאָרנישט ווערט זאג איך אז דערווייל חאטש אז די רבנים זענען נאָך נישט אויסגעלערענט זאלען די רבנים צונעמען א מנקר און מ'זאל שוין אַרויס געבען א קול קורא אז קיין שום יוד זאל נישט עסען קיין פלייש ווי עס איז דאָרט נישט קיין השגחה[קכח].

---

**קכב)** סיגעטער רב ווייסט גאַנץ גוט.

**קכג)** ער איז מודה, אַז ס'איז געבליבען, אַז נאָך יו"כ וועט מען פאַרהאַנדלען - איז פאַרוואָס האָט מען אינצווישען אויסגערופען, אַז דאָס פלייש איז כשר???

**קכד)** מיר וועלען אויף דעם גאָרנישט שרייבען קיין הערות, ווייל יעדער פאַרשטייט דאָס אַליין, אויף וואָס פאַר אַ טעם און סמך מען רופט אויס אַז דאָס פלייש איז כשר ווען מען האַלט אינמיטען פאַרהאַנדלען.

**קכה)** אין דער דרשה פאַר די אברכים - חוה"מ סוכות, זאָגט דער רב פאַרקערט אַז מ'האָט געהאַט אָפּגערעדט אויף ערב יו"כ און ער האָט געוואַרט אַ גאַנצען ערב יו"כ אויף דעם קאַשויער רב, און ווייל קאַשויער רב איז נישט געקומען ערב יו"כ, האָט דער רב אויסגערופען אַז דער פלייש איז כשר, און יעצט איז דער רב מודה, אַז דאָס איז נישט אמת געווען.

**קכו)** אַז מ'האָט נאָך נישט מברר געווען די זאַך, ווי קומט מען אויסצורופען אַז עס איז כשר - רוף כאָטש אויס אַז עס איז אַ ספק, און מספק זאָל מען נישט עסען.

**קכז)** אַ שטיקעל תיקון? די משכילים האָבען געמאַכט אזעלכע פּשרות, און וואָס וועט זיין נאָך די 6 וואָכען? לאָמיר האָפען אַז קאשויער רב זאָל גאָרנישט זאָגען.

**קכח)** דער רב המכשיר קען נישט קיין ניקור, אָבער א הכשר גיט ער, ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם מנקר וואָס קען אויך נישט.





**פאפע** רב - די רבנים זאלען נישט פאַרלאָזען אויף די מנקרים, זיי זאלען נישט זיין קיין תלמידים פון די מנקרים, זיי זאלען זיין איין אייגינער מברר הלכה, ווייל געווענטליך ביי אַזאַ זאַך זענען די רבנים די תלמידים פון די מנקרים, און דאָס איז נישט דאָס ריכטיגע[קכט].

**אודווארי** רב - אין אמעריקא איז א הפקר וועלט, היינט די בוטשערס זענען גאנץ פיינער יודען, די דורות פאלען, מ'זעהט אין אמעריקא יונגערלייט ספענדען וועגן מצות אַסאַך געלט און דער זעלבער זאַך וועגן עניני גשמיות און דירה אויך, אויף איין מאָל עס האנדעלט זיך וועגן א ספק דאורייתא אין דער היים איז געווען א געוואלדיגע ארומקייט א פיצעל פעטען איז געווען אגרויסער ענין, און טאמער מ'האָט געדארפט פארקויפען פאר דער גוי נאָך א שטיקעל אחוריים איז געווען א געוואלטיגער זאַך, יעדער שטיקעל פלייש האָט מען געציילט ממילא האָט מען געמוסט מיקל זיין, פאַרוואָס זאלען מיר מיקל זיין, איך האָב גערעדט מיט דער סאַטמאַר דיין רב אויש אז אין גאנץ זיבענבערגען האָט מען נישט גענוצט נאר ביז צלע י"א, איך האָב אפגערופען היינט דער מאנטשעסטער ענגלאנד נאר צלע י"א, נעכטען נאכט סקווער נאר צלע י"א דער שתי הלחם צלע י"א און אויף איין מאָל ווייל מ'האָט געטראפען א קולא פון חת"ס זאל מען אן נעמען אַלע קולות. יונגעלייט ווילען עסען פלייש מיט אַלע חומרות, דער אגור שרייבט אז ספק חֵלב איז ספק איבוד הנפש דער פאר, א געוואלד אונגארישע קהלות האָבען נישט גענוצט צלע י"ב, טאמער מ'שניידט צלע י"א קומט נישט פאר די אַלע פראבלעמען פון עטליכער פלעצער פון חֵלב דאורייתא, טאמער נישט איז זייער שווער ריין מאכען, אויב עס איז דאָ פוסקים וואָס אסר'ן פאַרוואָס זאלען מיר מיקל זיין[קל].

**לאנדסבערגער** רב - קודם כל מיר רעדען נישט פון עבר אַזוי ווי פאפע רב האָט געזאָגט אל תזכור לנו עוונות הראשונים אפילו דער ערעור איז א בלבול בעלמא[קלא], עס איז דאָ אזעלכע מנקרים וואָס זיי האָבען קיין אנונג נישט, איך ווייס נישט ווי ווייט זיי זענען פארלעסליך וועגן שמירת שבת, מ'נעמט זיי אַריין אלץ ארבייטער און זיי זענען גאָרנישט פארלעסטליך און זיי ווייסען נישט בין ימינם לשמאלם און זיי האָבען ניט אמאהל נישט קיין געפיעל פאר כשרות[קלב]. איך ווייס וועגן א געוויסער פלאץ מ'האָט געזאָגט אז דער איז דער מנקר און דער איז דער משגיח, האָב איך יענעם געפרעגט דו ביסט דער משגיח דאָרט? ניין זאָגט ער, דאָס וואָס עס קומט אן צו עם דאָס איז ער מנקר אַזוי ווי דער הלכה אָבער וואָס איין אנדערע טיעט איז נישט אונטער זיין אחריות[קלג].

**טארטיקאווער** רב - איך שלאג פאָר 5 רבנים גדולים, דער נשיא, פאפע רב, ווינער רב, הרב לייטנער און דער אודווארי רב, זיי פינעף... איך וויל איינער[קלד] א געגענער וועט אַרויס קומען איין אמת[קלה].

**סיגעטער** רב - אין דער היים האָט א יוד אפגעשניטען דעם אחוריים משא"כ דאָ מאכען עס גויים, קען זיך אַמאָל מאכען, איך האָב געפרעגט וויינשטאק קען דאָס זיין אז מ'זאל אַריין שניידען אין חלק אחוריים? זאָגט ער, עס קען זיין[קלו]. אז מ'זאל איין פירען אז מ'נוצט נישט דער צלע י"ב וועט זיין אַסאַך קלענער דער חשש פון אחוריים עס וואָלט געווען א סברה דאָס איין צופירען[קלז].

**וייצענער** רב - איך האָב גערעדט מיט א פאר בוטשער סטארט אז די מכשולים וואָס מ'האָט געכאַפּט איז וועגן דעם דינער טענדערלוין, בעסער וואָלט געווען אז מ'זאל איינפירען אז מ'זאל טאַקע אַראָפּ נעמען די גאַנצע טענדערלוין, אויף די דיקע איז שווער איין צופירען ווייל עס האָט א חשיבות, די בוטשער סטארס וועלען נישט אַזוי שנעל מסכים זיין אז מ'זאל קענען איין פירען די דיקע טענדערליין איז אוודאי גוט אָבער עכ"פ דעם דינע טענדערלוין זאל מען אַראָפּ נעמען[קלח].

**ר' יחזקא-ל הארוויץ** - ער ברענגט א מעשה וועגן מלאכי און צייגט אז ער איז א שגץ[קלט]. איך האלט אַזוי אז קודם דארף אַרויס קומען א קול קורא פון דער התאחדות הרבנים אז מ'האָט אַלעס מברר געווען אז עפ"י הלכה איז נישט דאָ קיין שום חשש נישט[קמ] איך וויס כמה וכמה יודען וואָס

**קכט)** דער פּאָפּע רב קען די רבנים.
**קל)** דער אודוואריי'ער רב איז נאָר מודה במקצת.
**קלא)** אָבער אין זיינע ווייטערדיגע ווערטער, איז ער מודה אַז די מנקרים קענען נישט.
**קלב)** מ'זעהט קלאָר, אַז ער איז מודה, אַז עס איז דאָ חֵלב.
**קלג)** דער לאַנדסבערגער רב ווייסט פון איין פּלאַץ וואו עס איז אַזוי, אָבער מיר ווייסען דעם אמת, אַז עס איז ליידער אַזוי אויף אַסאַך פלעצער.
**קלד)** דער אודוואריי'ער רב.
**קלה)** דער טאַרטיקאָווער רב קען גוט די רבנים און ער וויל האָבן אַ זייטיגער רב ווי דער אודווארי רב כדי דער אמת זאל אַרויס קומען.
**קלו)** דער רב איז דאָ מודה, אַז עס קומט אַריין אחוריים.
**קלז)** דער רב איז שוין מודה, אַז עס איז דאָ לכה"פ אַ חשש, נישט אַזוי ווי זיינע גאַנץ ערשטע ווערטער.
**קלח)** די רבנים מאַכען פּשרות. און די בוטשערס פירען די רבנים, די רבנים מוזען נעמען אין חשבון וואָס די בוטשערס וועלען זאָגען.
**קלט)** אפילו אויב ער וואָלט געווען אַזוי, אָבער חֵלב איז ליידער דאָ. די רבנים רעדן נישט צו דער זאַך, זיי ברענגען נישט קיין ראי', אַז עס איז נישט דאָ קיין חֵלב, זיי האָבען נאָר טענות אויף די מעוררים.
**קמ)** שומו שמים - דאָס איז פּשוט ליגענט, די רבנים





ווארטען, זיי האָבען צוטרוי צו התאחדות הרבנים[קמא] עס זאל אַרויס קומען א בירור, עס איז געווען א ביסעל נאָך געלאזט אין די השגחות, דאָס גייט מען מתקן זיין, מ'מעג דאָס שרייבען דאָס איז א כבוד פאר די התאחדות הרבנים[קמב] אז מען איז מודה אז עס איז געווען אביסעל התרשלות אין די השגחה און מ'גייט דאָס מתקן זיין[קמג].

**סאטמארער** דיין - דער עולם וועט מיינען אז עס איז גענוג דער השגחה פון ניקור, עס איז דאָ אנדערע חששות, חלילה ברענגט מען אַריין אנדערע זאכען נבילות וטריפות די השגחה זאל זיין אויף אלעמען[קמד], די משגיחים זאלען האָבען דער רעכט צו קרקען וואָס מ'ברענגט אַריין אין סאטמער אין סטאר און וואָס מ'טיעט און וואָס מ'מאַכט, עס דארף זיין א השגחה פון אלעמען[קמה].

**מאנטעווידעא'ר** רב - סוף כל סוף א בעל מלאכה מעג זיין דער בעסטער עהרליכע יוד ער שטייט טאג ביי טאג שעות ווייז און ער אַרבעט איז עלול, אמענש איז נישט אַלע מאָל אייניג וואָלט מען געדארפט מזמן לזמן א צווייטער מנקר אז ער זאל וויסען אז מ'קוקט עם נאָך, דאָס וואָלט געווען א גדויסער זאַך[קמו].

**נירבאטור** רב - איך זאג אפען אין שלאכט אויז לאָז איך קיינעם נישט אַריין עס אין שטרענג פארבאטען נישט פון מיר, עם איז א מתוקן'דיגע פלאץ ווי די בהמות לויפען[קמז].

**ר'יחזקא-ל** הארוויץ - עס דויערט צייט ביז מ'וועט זיך אויס לערנען ניקור, איז ביז וואָס ווער ווען, קען מען זאָגען אז מ'קען עסען? יאכלו ענוים וישבעו? דאָס וויל איך וויסען[קמח].

**מאנטעווידעא'ר** רב - אז מ'פרעגט מיך, זאג איך אַזוי, קיין איסור איז נישט נתברר געווארען און ווער ס'האָט געגעסען ביז היינט וכו' יעדער קען עסען אויף יענעמס אחריות, אויף מיין אחריות קען קיינער נישט עסען.

**מ'הערט** אויף דעם טעיפּ, אַזוי ווי יצחק גליק זאָגט פאר די רבנים וואָס מ'זאל שרייבען אין קול קורא, ער זאָגט פאר וז"ל עס איז געזעצען א מיטינג פון די רבנים און מיר האָבען געזעהן אין דעם ענין פון ערור האָבען מיר נישט געטראפען קיין ממשות ממילא איז עס בחזקתן וכו'[קמט]. שומו שמים - יצחק גליק פירט די רבנים!!!

## דרשת הרב ר' אברהם לייטנער שליט"א ביי דער מלוה מלכה פ' תולדות תשמ"ג

(מיר ווילען דאָ מקדים זיין אז קאשויער רב שליט"א אין זיין בריעף פאר די תלמידים, רעדט נאר וועגן דעם וואָס די מנקרים לאזען איבער חֵלב, זיי זענען נישט מנקר כראוי אין אז עס איז דאָ פון דער חלק אחוריים, און ער זאָגט בפירוש אז ער רעדט נישט וועגן קיין מנהגים נאר זאכען וואָס זענען אסור מן התורה לכו"ע).

**עס** שטייט אין קהלת עת לחשות ועת לדבר, פאַרוואָס האָב איך ביז יעצט געשוויגען וועל איך פראבירען שפעטער מסביר צו זיין, וואָס האָט מיר יעצט געברענגט דער צו צום עת לדבר, וועל איך יעצט מסביר זיין. - [ר' אברהם ברענגט א ראי' פון א מעשה פון שינעווער רב זי"ע וואָס ער איז געווען מסופק צן ער זאל זאָגען אז מ'טאָר נישט גיין מיט א שייטעל אָדער נישט זאָגען[קנ]. מיטוואך ביי נאכט האָט מען מיר אַריין געברענגט א בלאט פון דער געמיינער דזשורנאל וואָס עס שטייט דאָרט א גאַנצע מודעה וועגן חֵלב און ער רעכענט אויס רבנים וואָס זאָגען אז עס איז דאָ א חשש אויף דער פלייש און בתוכם בין איך דאָרט אויסגערעכענט, פארשטייט זיך אז עס האָט מיר אונטערגעטראָגען און ווען איך האָב דאָס געזעהן האָב איך מיך מיישב געווען, לא עת לחשות און איך מוז דעם פרשה ברבים מפרש זיין וואָס דאָ גייט פאר[קנא]. ר' אברהם זאָגט אז עס איז דאָ דריי פרשיות צוזאַמען געמישט וואָס מאַכט דער גאַנצע בלבול[קנב]. עס איז דאָ א טעיפּ פון דער אסיפה פון פ' בראשית, און עס איז נישט דער טעיפּ וואָס מ'האָט געשיקט אויף פאסט - וואָס דאָרט האָט מען אַרויס גענומען שטיקעלעך פון יעדענס ווערטער, און יעדער ווייסט אז אויב מ'נעמט אַרויס שטיקעלאך קען מען זאָגען אז אין קריאת שמע שטייט אז מ'זאל דינען ע"ז, ווייל

---

זענען אַליין מודה, אַז עס איז דאָ חֵלב, יודען עסען ר"ל חֵלב, און התאחדות הרבנים זאָל אַרויס קומען מיט אַ קול קורא, אַז עס איז נישט דאָ קיין חֵלב. דאָס זענען אונזערע רבנים.

**קמא)** ליידער.

**קמב)** אָבער נישט קיין כבוד פאַר די רבנים אַליין.

**קמג)** ער איז סותר זיינע פריעדיגער ווערטער, וצע"ג.

**קמד)** דאָס הייסט, אַז ביז יעצט איז נישט געווען קיין השגחה.

**קמה)** דאָ זעהט מען אויך, אַז עס איז דאָ חששות און פּראָבלעמען, און אויף דעם שרייבט מען אין קול קורא לא נתברר לנו שום יסוד לערעורים הללו.

**קמו)** יעצט גייט מען זיך אויס לערנען ווי אַזוי צו געבען אַ השגחה?

**קמז)** וועמען וויל ער איינרעדען, אַז די בהמות לויפען דאָרט ארום?

**קמח)** ב"ה, כאָטש איינער פרעגט צו דער זאַך.

**קמט)** ל"ע, אז מיר האָבען זוכה געווען צו אַזאַ מצב.

**קנ)** עס איז קיין שום דמיון נישט, ווייל עס זענען פאַרהאַנען מתירים אויף שייטלעך - און אויף חֵלב צו עסען ר"ל, איז נישט דאָ קיין היתר!

**קנא)** די זאַך וואָס שטערט ר' אברהם איז, ווייל מ'זאָגט בשמו אז מ'זאל נישט עסען דער פלייש, ער וויל עס זאל נישט הייסען אז ער גייט קעגען די מתירים.

**קנב)** דער בלבול מאַכט ר' אברהם, איין זאַך איז דאָ, חֵלב. מ'טרעפט ביי די בוטשער'ס חֵלב. מ'ווייסט אַז עס





דאָרט שטייט ועבדתם אלהים אחרים, און מ'לאסט אוועק וואָס שטייט פאר דעס און נאָך דעמס[קנג]. נאר עס איז דאָ דער גאַנצע טעיפ, ווי אַזוי עס איז אַרויס געקומען פון התאחדות הרבנים ווייס איך נישט[קנד]. און דאָרט וועט מען קלאהד זעהן אז דער זעלבער וואָס איך זאג יעצט האָב איך געזאָגט דעמאלטס[קנה]. פארשטייט זיך אז מ'רעדט צווישען רבנים רעדט מען אַן אנדערע לשון ווי אז מ'רעדט פאר א ברייטער עולם[קנו]. אז רבנים ווי פאר א ברייטען ציבור, מיר פארשטייען נישט דעם פשט. וועל איך פראבירען מסביר צו זיין ווי ווייט מעגליך איך קען אז נישט קיין רבנים זאלען אויך פארשטיין אין וואָס עס האנדעלט זיך[קנז]. דער פרשה האָט זיך אנגעהויבען ווען א רב האָט אַריין געשריבען אין אפיס, אז עס איז דאָ א חשש פון א געוויסע מכשול אין ענין פון ניקור. נאָך א זאַך וואָס דארף האָבען א הסבר, וואָס א מורה הוראה פארשטייט דאָס גוט, און סתם ציבור פארשטייט דאָס נישט, און איך וועל דאָס פראבירען מסביר צו זיין - וואָס איז טייטש אז דער התאחדות הרבנים זאָגט אז אין ענין פון ניקור איז דאָ א מכשול?

---

איז דאָ חֵלב. מ'ווייסט אַז די בוטשער'ס קענען נישט קיין ניקור. מ'ווייסט אַז עס קומט אַריין אחוריים. מ'ווייסט אַז עס איז דאָ אַ "הזנחה רבה און א חסרון ידיעה ביי דער ניקור", כאָטש ר' אברהם וויל אַנדערש טייטשען די וואָרט "מכשול", דאָס אַלעס האָבען די רבנים אַליין געזאָגט ביי דער אסיפה.

**קנג)** ליידער אין דעם טעיפּ הערט מען דעם אמת, און מ'הערט גאַנצע ווערטער פון די רבנים אַז עס קומט אַריין חֵלב אחוריים, און אַז די מנקרים קענען נישט קיין ניקור, עס איז דאָ אַ גרויסע נאָכגעלאָזנקייט וכו'. ר' אברהם'ס משל איז נישט דומה, ווייל דאָ הערט מען גאַנצע ווערטער פון די רבנים.

**קנד)** דאָס שטערט ר' אברהם'ן, אַז דער עולם איז געוואָר געוואָרען דעם אמת, און געהערט קלאָרע ווערטער פון די רבנים.

**קנה)** ר' אברהם זאָל אונז מוחל זיין, אָבער דאָס איז נישט אמת, אַזוי ווי איר וועט באַלד זעהן.

**קנו)** ר' אברהם פּראָבירט מסביר צו זיין, אַז פאַר רבנים רעדט מען אַנדערש - האָט מען אַמאָל אַזוינס געהערט? אפשר מיינט ער אַז פאַר רבנים זאָגט מען דעם אמת און פאַר דער ברייטען ציבור נישט, ווייל מ'קען דאָך נישט זאָגען פאַר דעם ברייטען ציבור, אַז די רבנים האָבען נישט געקענט קיין ניקור די לעצטע 30 יאָר. דאָ ברענגען מיר גאַנצע ווערטער וואָס ר' אברהם האָט געזאָגט ביים אסיפה, דאָס זענען אַלעס קלאָרע ווערטער - און ר' אברהם וויל מסביר זיין, אַז פאַר דעם ברייטען ציבור רעדט מען אַנדערש (עיין לעיל בע' מג, מה שדרש ר' אברהם שליט"א אצל האסיפה הידועה בהתאחדות הרבנים).

**קנז)** גראָדע ווערטער קען דער ברייטער ציבור פאַרשטיין.

